STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06696

DI GILDENE PAVE

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די גילדערנע פּאַווע



לידער און פערזן

צונויפגעשטעלט פון

י. גויכבערג

מוזיק־טעקסטן צוגעגרייט פון

מיכל געלבאַרט

אילוסטראַציעס פון

שוירלי קנאַרינג

אַרויסגעגעבן פון דעם

יוסף כראַמאָוו פאָנד

אונטער דער לייטונג פון לערער־קאָמיטעט פאַר פעדאַגאָגישער
אַרבעט לטובת דער יידיש־וועלטלעכער שול

ניו־יאָרק — 1949

די גילדערנע פאווע

פון דער סעריע

פון די קליינע קינדערס וועגן

Copyright 1949 by
The Joseph Chromow Foundation, Inc.
New York, N. Y.

Published by
The Joseph Chromow Foundation, Inc.
Under the auspices of the Jewish Teacher's Committee
for Pedagogical Research and Publications

טעכניש דורכגעפירט פון פרץ קאַמינסקי

Lithographed in U.S.A.

צום יידישן לערער

„די גילדערנע פּאַווע״ איז די ערשטע אויס־גאַבע פון לערער־קאָמיטעט.

מיט אַן ערך צוויי יאָר צוריק האָט דער יידישער כלל־טוער, יוסף כראַמאָוו, צונויפגערופן פאָרשטייער פון דעם יידיש־וועלטלעכן שולוועזן אין אַמעריקע און פאָר־געשלאָגן אַרויסצוגעבן לייען־ און לערן־מאַטעריאַלן פאַר דער יידישער שול.

פון דעם איז אויסגעוואַקסן דער לערער־קאָמיטעט פאַר פּעדאַגאָגישער אַרבעט לטובת דער יידיש־וועלטלעכער שול, אַן אינסטיטוציע, וואָס וועט בלי שום ספק זיין אַ געווינס און מזל־ברכה פאַר דער יידישער שול.

„די גילדערנע פּאַווע״ איז די ערשטע זאַמ־לונג פון קינדער־לידער פאַרן עלטער פון 6 ביז 9 יאָר. אַ צווייטער טייל, מעשהלעך פאַרן זעלבן עלטער, ווערט איצט צוגעגרייט צום דרוק פון י. גויכבערג.

„די גילדערנע פּאַווע״ פאַרמאָגט אַ סך לידער, וואָס זיינען ספּעציעל צוגעפּאַסט פאַר יינגערע קינ־דער, און די יידישע קינדער־גאָרטן לערערין וועט צום ערשטן מאָל האָבן אַ בוך וואָס זי וועט קענען באַנוצן אין איר קלאַס־אַרבעט.

דער לערער־קאָמיטעט דריקט אויס גרויס אַנערקענונג דעם חשובן יידישן עסקן און כלל־טוער, יוסף כראַמאָוו, פאַר דערמעגלעכן אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע ניצלעכע בוך פאַר דער יידישער שול.

לערער־קאָמיטעט פאַר פּעדאַגאָגישער אַרבעט לטובת דער יידיש־וועלטלעכער שול

יוני, 1949—סיון, תש״ט

זייט געגריסט!

פון אַ לאַנד, וואָס ליגט ווייט איבער ימען,
כ'שיק אַ האַרציקן וואַרעמען בריוו
צו די ברידערלעך, שוועסטערלעך מיינע
אין דער יידישער שטאָט תל-אביב.

עס האָבן די זיידעס און טאַטעס
אַ ליכטיקן חלום געהאַט:
אַ היים פאַר די זין פון ישראל,
צו לעבן געזיכערט און זאַט.

עס האָבן די זיידעס געחלומט,
געחלומט בייטאָג און ביינאַכט,
און איר האָט גענומען דעם חלום,
און חלום פאַר אמת געמאַכט.

איר האָט מיטן אייגענעם אָטעם
געטריקנט די זומפּן פון לאַנד,
די שטיינער און דערנער געריסן
מיט מידער, מיט בלוטיקער האַנט.

געווייקט און געבאָדן די זאַמדן,
ביז וואַנען די ערד האָט דערוואַכט,
און ס׳האָבן די פרוכטן און גרינסן
זיך זוניק און פריידיק צעלאַכט.

געהאָפט און געבעטן אויף שלום,
נאָר מוטיק, און זיכער און פעסט
געגרייט זיך אַנטקעגן דעם שונא
צו שיצן די אייגענע נעסט.

איצט קוועלט אָן מיין האַרץ פון דער ווייטנס,
און ס׳רייסט זיך אַרויס פון מיין בריוו:
מיין ברכה אויף אייך, מיינע ליבע,
אין דער זוניקער שטאָט תל-אביב!

ערב פרילינג

דער פרילינג איז נישטאָ נאָך,
ער האַלט נאָך ערשט אין גאַנג,
נאָר איידער ער קומט אָן נאָך,
דערהערסטו זיין געזאַנג.

אַ פויגל אין דער לופטן
קומט אָן אין גוטער שעה,
הייבט אָן זיך דיר צו דוכטן,
אַז פרילינג איז שוין דאָ.

די קינדער קעגנאיבער —
זיי יאָגן אום פאַרשייט ·
אַ צייכן אויך אַ ליבער,
אַז פרילינג איז ניט ווייט.



פרילינג

פרילינג, פרילינג,
בלוי און גרין,
צווישן בלומען
שפּילט אַ בין.

פרילינג, פרילינג
גרין און בלוי,
און די בלומען
פול מיט טוי.

פאַר די קינדער

פאַר די ליבע קינדער
קומט דער פרילינג פרי,
פאַר די וואָילע קינדער
גיבן מילך די קי.

אויף דיביימער וואַקסן
עפּעלעך פאַר זיי,
וויינטרויבן און מאַנדלען,
ניסלעך ביי דער טיי.

העלע פרימאָרגנס

העלע פרימאָרגנס
אין גאָלדענעם שיין,
קינדערלעך קליינע,
געזונט זאָלט איר זיין.

בלוי איז דער הימל
ווי בלימלעך פון לײַן,
קינדערלעך טאַנצן
ראָד אויס און ראָד איין.

אָוונטן שטילע
אין רויטלעכן שיין,
פייגעלעך מידע —
זיי שלאָפן שוין איין.

א גאסט אין גרינעם

געקומען צו רייטן
פון אַ ווייטער מדינה,
צו אונדז איז אַ גאַסט
אין אַ מאַנטל אַ גרינעם.

און מיטגעבראַכט האָט ער
מיט זיך פֿולע גאַרבן,
גראָזן און בלומען
און אַלערליי פאַרבן.

גראָזן — אין גרינעם
און בלומען — אין רויטן,
און האָט זיי צעשאָטן
אויף סטעזשקעס און פלויטן.

און פייגעלעך זיינען
מיט אים אָנגעקומען,
און האָבן אויף ביימער
די נעסטן פאַרנומען

אונטער די גרינינקעביימעלעך

אונטער די גרינינקע ביימעלעך
שפילן זיך משהלעך שלמהלעך,
ציצית, קאַפּאָטקעלעך, פּאהלעך,
הינדעלעך פריש פון די אייעלעך.
מיר זאָל זיין, יידישע קינדערלעך,
פאַר אייערע כשרע אייגעלעך.

אונטער יאנקעלעס וויגעלע

אונטער יאַנקעלעס וויגעלע
שטייט אַ קלאָר ווייסע ציגעלע,
דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
דאָס איז די בעסטע סחורה,
יאַנקעלע וועט לערנען תורה.
תורה וועט ער לערנען,
בריוועלעך וועט ער שרייבן,
אַ גוטער ייד וועט ער פאַרבלייבן.



מיט א נאָז און אָן א נאָז

אַז קינדער טרינקען מילך פון אַ גרויסער גלאָז,
וואַקסן זיי געזונט מיט אַ שיינער נאָז.

און אַז קינדער טרינקען מילך פון אַ קלענער גלעזל,
וואַקסן זיי נשקשה מיט אַ קורנאָסע נעזל.

אָבער אַז קינדער טרינקען ניט קיין מילך פון קיין גלאָז,
און אַז קינדער טרינקען ניט קיין מילך פון קיין גלעזל,
זיינען זיי גרינער פון אַ גרעזל,
און בלייבן — אָן אַ סימן פון אַ נעזל.

עטעלע

עטעלע טראָגט וואַסער
אין עמערל אין שיינעם.
וואָס-זשע וואַקסט דאָרט, עטעלע,
אין סעדעלע דיין קליינעם?
— קאַרשן אויף די שטעקעלעך,
עפּעלעך מיט בעקעלעך,
פייגעלעך דאָרט שפּרינגען
זיסע לידער זינגען,
און די טויען בליצן
אויף די בלעטער קרויט,
און טאָמאַטן זיצן
שטיל און ווערן רויט.

איינס, אָט שטייט ער

איינס, אָט שטייט ער,
צוויי, אָט גייט ער,
דריי, אָט נעמט ער לויפן שנעל,
שנעל געלאָפן,
ניט געטראָפן,
האָפּ, געפאַלן לעבן שוועל.



א גרויסער פארדינער

אַלע טאָג פאַרדין איך געלט.
אוי, ווי רייך איך בין.
ווייסטו, וויפל איך פאַרדין?
פאַרן אָפּוואַשן די הענט
גיט די מאַמע מיר אַ סענט.
און אַז פּאַפּאַ זוכט זיין הוט,
לויף איך שנעל און איך געפין,
גיט ער מיר דערפאַר אַ סענט.
און אַז איך בין זייער גוט,
קריג איך נאָך אַ סענט פון מאַמען.
וויפל קומט דאָס אויס צוזאַמען?

תמיד

תמיד זאָלסטו פאָלגן
טאַטע-מאַמעס וואָרט,
אַלע דיינע זאַכן
לייגן אויפן אָרט.

זיין אַגוטער תלמיד,
לערנען גוט און פיין,
און אַ גוטער חבר
צו די קינדער זיין.

שטיפעררייען

אַ שפּילקע האָט אַ קאָפּ,
אָבער קאָן ניט קלערן.
אַ נאָדל האָט אַן אויער,
אָבער קאָן ניט הערן.

אַ טיש האָט פיס,
אָבער קאָן ניט גיין.
אַ טשייניק האָט אַ פּיסק,
אָבער נישט קיין צייז.

אַ שירעם האָט אַ הענטל,
אָריער ניט קיין פינגער
אַ גלאָק האָט אַ צינגל,
און איז נישט קיין זינגער

אַ ווינטמיל האָט פליגל,
אָבער קען ניט פליען.
אַ בעט האָט פיס,
אָבער קען ניט קניען.

בלענדעניש

האָטצמעך איז אַ בלינדער,
וואו-זשע זענט איר קינדער?
אַנטלויפט-זשע ניט אַצינדער —
— אָט זיינען מיר אַלע דאָ.
טראַלאַ, לאַ, לאַ, לאַ, לאַ, לאַ.



א זעקעלע מעל

אַ זעקעלע מעל,
אַ זעקעלע מעל.
— ווי טייער?
— בראַנד פייער.
— ווי מקח?
— אַ לעקעך.
— ווי שאַץ?
— אַ פאַטש.

אונדזערע טעג

זיבן, זיבן, זיינען מיר,
זיבן גוטע ברידער,
זיבן, זיבן, גייען מיר,
און מיר קומען ווידער.

ווייסע פערד, שוואַרצע פערד,
צווייערליי קאַראַטן,
קיין מאָל ווערט ניט אונדזער טראָט
אויף דער ערד פאַרשאָטן.

זיבן, זיבן, זיינען מיר,
זיבן גוטע ברידער,
זיבן, זיבן, גייען מיר,
און מיר קומען ווידער.



די פּאַווע

פּאַווענקע — טשיקאַווענקע
מיט די צען קאָלירן,
שפּרייט דיין ברייטן פעכער אויס,
קום אַרויס שפּאַצירן.

פּאַווענקע — טשיקאַווענקע,
שענסטע פון אונדז אַלע,
קום באַווייז דיין פאַרבן-קלייד,
אויסגעפּוצטע כלה.

פּאַווענקע — טשיקאַווענקע,
טעג וואָלט איך געזעסן
און אין דיר געשפּיגלט זיך,
ליכטיקע פּרינצעסין.

פּאַווענקע — טשיקאַווענקע,
ווילסט ניט? — וואָס-זשע טויג עס,
האָסט דיין פעכער צוגעמאַכט,
בין איך מיט דיר ברוגז.

די קאַטשקע

וואָס איז די מעשה?
וואָס טומלט עס זיך?
די קאַטשקע גייט באָרוועס
און האָט ניט קיין שיך.

דער שוסטער — ער האָט ניט
קיין לעדער געווּיס,
דערפאַר גייט די קאַטשקע
מיט באָרוועסע פיס.

ריגעלע רויגעז

ריגעלע, ריגעלע רויגעז,
זיינען מיר געווען ברוגז,
ריגעלע, ריגעלע־ריק,
זיינען מיר חבר צוריק.
חבר, חבר אויף דער וועלט,
גאָט וועט געבן אַ זעקעלע געלט.
וואָס איך וועל האָבן,
וועל איך דיר געבן,
וואָס דו וועסט האָבן,
וועסטו מיר געבן.
ריגעלע, ריגעלע רויגעז,
זיינען מיר געווען ברוגז,
ריגעלע ריגעלע ריק,
זיינען מיר חבר צוריק.

מײַן מײדעלע ראָזע

מײַן מײדעלע ראָזע
גײט שלאָפֿן צו שפּעט,
זי קאָן דערפֿאַר מאָרגן
ניט אױפֿשטײן פֿון בעט.

זי שלאָפֿט זיך ניט אױסעט,
נו, װײנט זי און שרײַט,
און שטײט אױף כּסדר
אױף דער לינקער זײַט.

שלאָף, שלאָף, שלאָף

שלאָף, שלאָף, שלאָף,
דער טאַטע װעט פֿאָרן אין דאָרף,
װעט ער ברענגען אַ ניסעלע,
װעט זײַן געזונט דאָס פּיסעלע.

שלאָף, שלאָף, שלאָף,
דער טאַטע װעט פֿאָרן אין דאָרף,
װעט ער ברענגען אַן ענטעלע,
װעט זײַן געזונט דאָס הענטעלע.

שלאָף, שלאָף, שלאָף,
דער טאַטע װעט פֿאָרן אין דאָרף,
װעט ער ברענגען אַן עפּעלע,
װעט זײַן געזונט דאָס קעפּעלע.

צום שלאָף

שלום עליכם,
עליכם שלום,
האָבן זאָלסטו
אַ זיסן חלום,

אַ גוטן חלום,
אַ גוטע וואָר,
זאָלסטו מיר האָבן
לאַנגע יאָר.

אז די באָבע קאָכט לאָקשן

אַז די באָבע קאָכט לאָקשן,
זופּט דער זיידע יויך,
און אַז די באָבע גייט אַ טענצל,
טאַנצט דער זיידע אויך.

(איין קינד טאַנצט אַרום צווייטן אויף איין פוס)



שטייט אין פעלד אביימעלע

שטייט אין פעלד אַ ביימעלע,
האָט עס גרינע צווייגעלעך,
זיצט דערויף אַ פייגעלע,
מאַכט עס צו די אייגעלעך.
אויף די גרינע צווייגעלעך
וואַקסט אַ גאָלדן עפּעלע,
מאַך צו, מיין קינד, די אייגעלעך,
אַ ברכה אויף דיין קעפּעלע.

אוי א צרה

אוי אַ צרה, אוי אַ גזירה,
איך האָב פאַרלוירן די רויטע פאַטשיילע
מיט די גרינע ברעגן,
מיט די רויטע עקן.
בין איך זי געגאַנגען זוכן,
האָב איך געפונען אַ קוכן,
האָב איך זיך געזעצט עסן,
האָב איך מיינע צרות פאַרגעסן.

דאָס נייע קלײדל

אין מיין נייעם ווייסן קלײדל
טוט די מאַמע מיך היינט אָן,
טאָר איך עס דאָך ניט פֿאַרפלעקן,
קאָן איך זיך קיין ריר ניט טאָן.

וויל איך זיך אין דרויסן שפּילן
באַקן קיכעלעך פֿון ליים,
לאָזט די מאַמע ניט אַרויסגיין,
מוז איך זיצן אין דער היים.

אויף דער ערד וויל איך זיך זעצן,
מיט דער קאַץ זיך שפּילן פֿיין,
ניטע, ניטע, זאָגט די מאַמע,
זע, דו שמירסט דיין קלײדל איין.

נעם איך אויף מיין קני דאָס קעצל
און איך גלעט אַזוי איר קאָפּ,
זאָגט די מאַ: דו קנייטשסט דיין קלײדל,
גיכער לאָז די קאַץ אַראָפּ.

קאָן איך זיך מיט גאָרניט שפּילן,
גיי איך נאַשן שטילערהייט,
נעם איך זופּן מילך פֿון קריגל,
און באַגיס דאָס נייע קלייד.

כ׳וויל ניט מער דאָס נייע קלײדל,
כ׳טו דאָס אַלטע קלײדל אָן,
וועל איך קענען גיין אין דרויסן,
שפּילן זיך און אַלצדינג טאָן.

קוצעניו מוצעניו

קוצעניו מוצעניו, בייגעלע דיר,
ס׳וואַקסן דעם מיידעלע צײנדעלעך פיר.
וועט מען עס קויפן קרעלן אַ שניר
און פירן אַריבער די שוועלן פון טיר,
היידאַ אין גאַס אַריין, היידאַ מיט מיר.
קוצעניו מוצעניו, בייגעלע דיר,
ס׳וואַקסן דעם מיידעלע צײנדעלעך פיר.

ברײנדעלע

ברײנדל לערנט זיך צו קאָכן
גאַנצע דרייצן וואָכן.
האָט זי אין די דרייצן וואָכן
אויסגעלערנט מילך צו קאָכן.

שטעלט זי צו דאָס טעפּל —
און איז איינגעשלאָפן,
איז די גאַנצע מילך —
פון טעפּל אויסגעלאָפן.

אין דרויסן

מיין מאַמע דערקענט,
ווען דאָס וועטער איז שלעכט,
און לאָזט מיך אין דרויסן ניט שפּילן.
זי זאָגט: אַז אין רעגן,
אין ווינט און אין קעלט
קאָן מען אין גאַס זיך פאַרקילן.

בלענדעניש

זאָג, וואו שטייסטו?
— אויף אַ פּאַס.
זאָג, וואָס טרינקסטו?
— עפּל קוואַס.

שאַר און טאַפּ,
לויף און כאַפּ,
טופּ, טופּ, טופּ,
איבער דער שטוב.

שלום

זיי בייסן ניט,
זיי רייסן ניט,
און שאַרפן ניט די ציין,

מיין הינטל
מיט מיין קעצל —
זעט ווי מלא־חן.

זיי עסן ברויט
און לעקן מילך,
ביידע פון איין טעצל.

זיי שפּילן זיך,
זיי טוליען זיך,
מיין הינטל מיט מיין קעצל.

די פראָש

געווען איז אַ פראָש אין אַ גרין-סאַמעט קלייד,
קוואַ-קוואַ,
געווען איז אַ פראָש אין אַ גרין-סאַמעט קלייד,
מיט אַ פאַרטעך אַ ווייסן פון פאָרנט פאַרשפרייט,
קוואַ-קוואַ,

איר שטוב איז געווען פון לויטער אַאיר,
קוואַ-קוואַ,
איר שטוב איז געווען פון לויטער אַאיר,
פון שטראַלן די פענצטער, פון וואַסער די טיר,
קוואַ-קוואַ,

איז געקומען אַ בושל אַ הויכער צוגיין,
קוואַ-קוואַ,
איז געקומען אַ בושל אַ הויכער צוגיין,
די פיס ווי די שפענער, דער שנאָבל ווי שטיין,
קוואַ-קוואַ,





האַט ער געגומען די פראַש אינעם גרין-סאַמעט קלייד,
קוואַ-קוואַ.
האַט ער געגומען די פראַש אינעם גרין-סאַמעט קלייד,
פאַר די קינדערלעך זיינע אַ סעודה געגרייט,
קוואַ-קוואַ.



דער זייגער

כ׳בין אַ זייגער אויף דער וואַנט
און איך קלינג אַלץ נאָכאַנאַנד:
טיק־טאַק, טיק־טאַק.

כאָטש איך רעד אַ גאַנצן טאָג,
בלויז צוויי ווערטער כ׳זאָג און זאָג:
טיק־טאַק, טיק־טאַק.

טרעפט אַז קינדער זיצן שפּעט,
קלינג איך: צייט שוין גיין אין בעט:
טיק־טאַק, טיק־טאַק.

און איך וועק זיי אויף אין צייט,
לאָז ניט ליגן אויף אַ זייט:
טיק־טאַק, טיק־טאַק.

אַזוי הענג איך יאָרן־לאַנג,
מיטן זעלביקן געזאַנג:
טיק־טאַק, טיק־טאַק.



שפּילן מיר אין קעסטעלעך

שפּילן מיר אין קעסטעלעך, אין קעסטעלעך,
קומט אַרויס אַ האָן, אַ האָן,
האָן, האָן, וואָס גיסטו צו? וואָס גיסטו צו?
— איך גיב צו אַ קריי, אַ קריי.
דער האָן זיין קריי,
דער האָן זיין קריי,
שפּילן מיר ווייטער אַזוי.

שפּילן מיר אין קעסטעלעך, אין קעסטעלעך,
קומט אַרויס אַ הון, אַ הון.
הון, הון, וואָס גיסטו צו? וואָס גיסטו צו?
— איך גיב צו אַן איי, אַן איי.
די הון איר איי,
דער האָן זיין קריי,
שפּילן מיר ווייטער אַזוי.

שפּילן מיר אין קעסטעלעך, אין קעסטעלעך,
קומט אַרויס אַ גאַנדז, אַ גאַנדז.
גאַנדז, גאַנדז, וואָס גיסטו צו? וואָס גיסטו צו?
— איך גיב צו אַ גאַ-גאַ-גאַ.
די גאַנדז גאַ-גאַ-גאַ,
די הון איר איי,
די הון איר איי,
דער האָן זיין קריי,
שפּילן מיר ווייטער אַזוי.



ערשטער טריט

קליין מיידעלע,
קליין קינדעלע,
וועט שטיין.

גוט מיידעלע,
ליב קינדעלע —
וועט גיין.

הייב הענטעלע,
שטעל פיסעלע —
שטעל, שטעל.

נו, פיצעלע,
נו, ברעקעלע —
שנעל, שנעל.

אַזוי, טייערע,
אַזוי האַרציקע —
זיכער.

אוי, זיסינקע,
אוי, טרייסטעלע —
גיכער.

דאָס קעצעלע

אויף די טרעפּ זיצט אַ קעצעלע,
זי האָט דאָך ניט קיין מאַמע,
נעמט זי קיינער ניט אַריין,
שרעקט זי זיך אַליין צו זיין
און וויינט: מיאַו, איך וויל אַ מאַמען.

זאָג איך: וויין ניט, קעצעלע,
אָט, איך וועל זיין דיין מאַמע.
גיי איך מיר פון בעט אַרויס,
נעם זי גלייך אַריין אין הויז
און לייג זי שלאָפן ווי אַ מאַמע.

קויפט קונים

קויפט, קויפט, קונים,
איך האָב אייך צו פאַרקויפן:
אַ פערדעלע, אַ וועגעלע
אויף רייטן און אויף לויפן.

קומט, קומט, קונים,
מיר וועלן זיך ניט דינגען,
כ׳האָב מענטשעלעך, פּאַיאַצעלעך,
וואָס ברעכן זיך און שפּרינגען.

פּאַיאַצעלעך און שמענדרעקלעך,
מיט קאָלפּעקלעך און גלעקלעך,
מיט שיינע רויטע הייזעלעך,
מיט אָנגעפאַרבטע בעקלעך.

טאָ, קומט, קומט, קונים,
באַקאַנטשאַפט מיט מיר מאַכן,
כ׳האָב צאַצקעלעך און שפּילעכלעך,
און אַלע גוטע זאַכן.



ציפּעלע

עס האָט די קליינע ציפּעלע
פאַרביסן זיך אַ ליפּעלע.
אָ, ציפּעלע, וואָס וויינסטו?
אַן עפּעלע? דאָס מיינסטו?
— אָ ניין, ניין, ניין,
ווער זאָגט עס, אַז איך וויין.

עס האָט די קליינע ציפּעלע
פאַרקניפּט דאָס מויל אַ קניפּעלע.
אָ, ציפּעלע, וואָס וויינסטו?
צוויי עפּעלעך? דאָס מיינסטו?
— אָ, ניין, ניין, ניין,
ווער זאָגט עס, אַז איך וויין.

און ס'טרייסלט זיך איר קעפּעלע
צוזאַמען מיט איר צעפּעלע.
אָ, ציפּעלע, וואָס וויינסטו?
דריי עפּעלעך? דאָס מיינסטו?
— אָ, ניין, ניין, ניין,
איך וויל אַ קוש, ניט מיין.



אויף דער וויג־ברעט



אַראָפּ-אַרויף, אַראָפּ-אַרויף,
אָן אַן עק און אָן אַ סוף,
פון פרימאָרגן ביזקל שפּעט
וויג זיך, וויג זיך אויף דער ברעט.

זומער

וועלף און בערן אין די וועלדער,
שאָף און רינדער אין די פעלדער,
פישעלעך און פייגעלעך,
יינגעלעך און מיידעלעך,
אַלע, אַלע קווענלען אָן,
ווען דער זומער-לעב קומט אָן.

קומט דער ליבער זומער

קומט דער ליבער זומער
שפּילן מיר אין זאַמד,
וואו ס׳איז אונדזער וואוינונג,
דאָרט איז אונדזער לאַנד.

שוואַרצע קאַרשן רייסן מיר,
רויטע לאָזן מיר שטיין,
גוטע קינדער נעמען מיר,
שלעכטע לאָזן מיר גיין.



שוסטער

שוסטער, שוסטער — גיך, גיך, גיך,
נאַדיר מיינע אַלט שיך,
ווען איך צייל אָפּ: איינס, צוויי, דריי,
זאָלסטו מיר זיימאַכן ניי.

דאָס פריילעכע שניידערל

בין איך מיר אַ שניידערל,
אַ נאָדל קען איך ניט האַלטן אין האַנט.
שטעל איך מיר אַרויס אַ שילדעלע:
אַז איך פּרעס געוואַנט.
פרעגט — וואָס קען איך, טידל־דידל־דאַם,
כ׳פּרעס — פאַרברען איך טידל־דידל־דאַם,
האָט ניט קיין פּאַריבל,
האָט ניט קיין פּאַריבל,
טידל־דידל־דאַם.



דער אלטער שניידער

דער אַלטער שניידער דאָדל
פאַרלירט די שאַרפע נאָדל,
מיט וואָס-זשע וועט ער נייען
אַ קליידעלע פאַר לאהן?

דו אַלטער שניידער דאָדל,
דו האַלסט אין לאַץ די נאָדל,
אַצינד קאָנסטו שוין נייען
אַ קליידעלע פאַר לאהן.

דער שניידער

אָט אַזוי נייט אַ שניידער,
אָט אַזוי נייט ער דאָך,
אַ שניידער נייט אַ גאַנצע וואָך
און פאַרדינט אַ גראָשן מיט אַ לאָך.



פאר א רעגן

פֿאַר די הענטלעך אין די רינגעלעך
קליינע, שיינע קינדער זינגען:
גאָט געטרייער, גיב אַ רעגן
פֿון די קליינע קינדערס וועגן.

ווייזט אַ וואָלקן זיך פֿון אויבן,
נעמען זיך די פֿעלדער שטויבן,
און ווי פּערל רעגן ריין:
טריף־טראָפּ, טריף־טראָפּ הייבט אָן גיין.

עסטע די פּעסטע

עסטע די פּעסטע
האָט אַזאַ מין טבע:
רירט מען זי אָנעט,
וויינט זי און רעוועט.

לויפט צו דער לערערקע,
הייבט זיך אָן קלאָגן:
ער האָט מיך געהרגעט,
זי האָט מיך געשלאָגן.

ער האָט מיך אַ שטופּ געטאָן
זי האָט מיך אַ צופּ געטאָן,
ער האָט מיך אַ ביס געטאָן,
זי האָט מיך אַ ריס געטאָן.

ראַטמעך און זאַטמעך —
סע זשומעט אַזש אין קאָפּ, —
עסטע די פּעסטע,
טשעפּע זיך אָפּ.

יאנקעלע־ברען

וואָס איז געוואָרן מיט יאַנקעלע-ברען ?
עס איז אים גאָרניט צו דערקענען,
ער שרייט ניט, ער זינגט ניט,
ער שטיפּט ניט, ער שפּרינגט ניט,
ער האָט אויפגעהערט וועלטן צו ברענען.

בולבע

זונטיק — בולבע, מאָנטיק — בולבע,
דינסטיק און מיטוואָך — בולבע,
דאָנערשטיק און פרייטיק — בולבע,
שבת אין אַ נאָוועניע — אַ בולבע קוגעלע,
זונטיק — ווייטער בולבע.

ברויט מיט בולבע, פיש מיט בולבע,
וואַרעמעס און וועטשערע — בולבע,
אָבער און ווידער בולבע,
שבת נאָכן טשאָלנט — אַ בולבע קוגעלע,
זונטיק — ווייטער בולבע.



ברויט מיט פוטער

ברויט מיט פוטער,
ברויט מיט פוטער,
גיב מיר ברויט מיט פוטער,
שנייד פאַר מיר,
און שנייד פאַר דיר
און שנייד אויך פאַר דער מוטער.

ברויט מיט האָניק,
ברויט מיט האָניק,
איז גוט און זיס צוזאַמען,
אַ ביס פאַר מיר,
אַ ביס פאַר דיר,
אַ ביס אויך פאַר דער מאַמען.

א קינד אזא

איך קען אַ קינד, וואָס שרייט און טומלט,
און לאָזט די מאַמע נישט צורו,
דו ווילסט וויסן, ווער דאָס קינד איז?
נישט דו. אָ, ניין, נישט דו.

איך קען אַ קינד, וואָס וויל נישט פאָלגן,
און צו דער שוועסטער שטייט עס צו,
דו ווילסט וויסן, ווער דאָס קינד איז?
נישט דו. געוויס נישט דו.



א מעשהלע

אין הימל שווימט אַ וואָלקנדל,
אַ וואָלקנדל אָן רו...
יע וואָלקנדל, ניט וואָלקנדל —

דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע —
דאָס וואָלקנדל ביסטו.

פון הימל פאַלט אַ רעגנדל,
עס מאַכט דער טאָג זיך צו...
יע רעגנדל, ניט רעגנדל —
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע —
דאָס רעגנדל ביסטו.

עס שלאָפט אין פעלד אַ זאַנגעלע,
אַ זאַנגעלע ליו-ליו...
יע זאַנגעלע, ניט זאַנגעלע —

דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע —
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע —
דאָס זאַנגעלע ביסטו.

אָ וואָלקנדל, אָ רעגנדל,
אָ, מאַך די אויגן צו...
ניט וואָלקנדל, ניט רעגנדל,
ניט זאַנגעלע, ניט ציגעלע,
ניט ווייסעלע, ניט מעשהלע —
מיין מיידעלע ביסטו.







דו מיידעלע דו פיינס

— דו מיידעלע דו פיינס,
דו מיידעלע דו קליינס,
איך וועל דיך עפּעס פרעגן
אַ רעטעניש אַ שיינס:

וואָס איז העכער
פאַר אַ הויז?
און וואָס איז פלינקער
פאַר אַ מויז?

— דו נאַרישער בחור,
דו נאַרישער כלאָפּ,
דו האָסט דאָך ניט קיין שכל
אין דיין קאָפּ.

דער רויך איז העכער
פאַר אַ הויז,
די קאַץ איז פלינקער
פאַר אַ מויז.

— דו מיידעלע דו פיינס,
דו מיידעלע דו שיינס,
איך וועל דיך עפּעס פרעגן
אַ רעטעניש אַ שיינס:

וואָס פאַר אַ וואַסער
איז אָן אַ זאַמד?
און וואָס פאַר אַ מלך
איז אָן אַ לאַנד?

— דו נאַרישער בחור,
דו נאַרישער כלאָפּ,
דו האָסט דאָך ניט קיין שכל
אין דיין קאָפּ.

דאָס וואַסער פון אויג
איז אָן אַ זאַמד,
דער מלך פון קאָרטן
איז אָן אַ לאַנד.



ע ל י ע ק אָ פּ ע ל י ע

עליע קאָפּעליע, לאַנגע פּיס,
זאָג: וואָס דאַרפסטו האָבן?
איך האָב געבראַכט אַ זעקל ניס
און אַ זיסן פלאָדן.

זיבן געבליבן, אַכט געבראַכט,
ניין — אַלע אינאיינעם,
האָט אייך, קינדער, אַ גוטע נאַכט,
און אַ טאָג אַ שיינעם.

מילך און ברויט

עס, מיין קינד,
דאָס שטיקל ברויט,
און בענטשט די ערד,
וואָס גיט אונדז ברויט.
טרינק, מיין קינד,
דאָס גלעזל מילך,
און בענטש די קו,

וואָס גיט אונדז מילך.
און בענטש די האַנט,
וואָס גראָבט די ערד,
און באַקט דאָס ברויט,
און מעלקט די קו,
אַז קיינער זאָל ניט וויסן
פון הונגער און פון נויט.

א קוכן

באַקט די מאַמע אַ קוכן,
קוכן זיצט אין בעקן,
און די קליינע קינדער
ליפּעלעך באַלעקן.
קוכן וואַקסט אין אויוון,
וואַקסט — אַ פאַרגעניגן,
און די קליינע קינדער
וואַקסן אין די וויגן.



שפּרינג אַראָפּ

שפּרינג אַראָפּ, שפּרינג אַראָפּ,
יאַנקעלע פונעם אויוון,
כ׳האָב דיר געבראַכט, כ׳האָב דיר געבראַכט
אַ היטעלע צו פאַרקויפן.

— אוי, מאַמע, איך בין אַלט,
פונעם אויוון איז מיר קאַלט.

שפּרינג אַראָפּ, שפּרינג אַראָפּ,
יאַנקעלע פונעם אויוון,
כ׳האָב דיר געבראַכט, כ׳האָב דיר געבראַכט
אַ פּאָר שיכעלעך צו פאַרקויפן.

— אוי, מאַמע, איך בין אַלט:
פונעם אויוון איז מיר קאַלט.

שפּרינג אַראָפּ, שפּרינג אַראָפּ,
יאַנקעלע פונעם אויוון,
כ׳האָב דיר געבראַכט, כ׳האָב דיר געבראַכט
אַ כלה צו פאַרקויפן.

— אוי, מאַמע, איך בין יונג,
פונעם אויוון טו איך אַ שפּרונג.



מוזיקאנטן

איך בין אַ גוטער מוזיקאַנט,
איך קום פון פריילעך-לאַנד.
איך שפּיל זיסע לידער,
אויף מיין שיינעם פידל.
פידל-מידל-מידל-מידל,
פידל-מידל-מידל-מי.

איך בין אַ גוטער מוזיקאַנט,
איך קום פון פריילעך-לאַנד.
איך שפּיל זיסע לידער,
אויף מיין שיינער פּיאַנאָ.
פּיאַנאָ-צימבל-בימבל-בימבל...
פּיאַנאָ-צימבל, צימבל... באַם.

איך בין אַ גוטער מוזיקאַנט,
איך קום פון פריילעך-לאַנד.
איך שפּיל זיסע לידער,
אויף מיין שיינער בענדזשאָ.
בענדזשאָ דינגל-דינגל-דינגל...
בענדזשאָ, דינגל, דינגל... דאַנג.



דער זינגעמארינג

דער זינגעמארינג איז געגאַנגען אין וואַלד,
דער זינגעמארינג, דער זינגעמארינג,
געגאַנגען אַהין און געגאַנגען אַהער.

קינדער: ווער?

דער זינגעמאַרינג, דער זינגעמאַרינג.
גערעדט צו די פייגל, גערעדט צו דעם גראָז.

קינדער: וואָס?

די שפּראַך פון דער זינגעמארינג.
געטאָן זיך אַ הייב אין דער הייך ווי אַ שטרוי.

קינדער: אַזוי?

אַזוי גרינג איז דער זינגעמארינג.
געשפּרייזט אויפן טייך און די פיס ניט באַפייכט.

קינדער: אַזוי לייכט?

אַזוי לייכט איז דער זינגעמארינג.
האָסטו אים געזען?
האָט ער אים געזען?
האָט זי אים געזען?

קינדער: ניין.

ניט איך און ניט דו און ניט ער האָט געזען,
ווייל קיין זינגעמארינג איז קיינמאָל ניט געווען.

הוידע

הוידע, הוידע, הוידלקע,
פּיסלעך אין דער הייך,
ווייסע קליינע טייבעלעך
פֿליען אין דער הייך.

העכער, העכער, הוידלקע,
באַלד איז שוין דער הימל,
נאָך אַ ביסל, נאָך אַ ביסל,
ריר איך אָן דעם הימל.



מיטן זעגעלע

מיטן זעגעלע — זעג-זעג-זעג,
מיטן העמערל — קלאַפּ-קלאַפּ-קלאַפּ,
מיטן הובעלע — הוב-הוב-הוב,
מאַכן קינדערלעך זיך אַ שטוב.

פּאַטשן הענטעלעך — פּאַטש-פּאַטש-פּאַטש,
טופּען פיסלעך — טופּ-טופּ-טופּ,
פּאַטשן הענטלעך, טופּען פיס,
אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס.





אלע גלייך

ווער מיט פאַרב און ווער מיט ליים,
אין דער ליבער אַרבעט-היים, —
אַלע גלייך.

ווער מיט האַמער, ווער מיט זעג,
צו באַשיינען אונדזער וועג, —
אַלע גלייך.

איינער בויט דעם פונדאַמענט,
איינער שטעלט צונויף די ווענט, —
אַלע גלייך.

ווער אַ ביסל, ווער אַ סך,
ווער דעם דיל, און ווער דעם דאַך, —
אַלע גלייך.



די פּויק

די פּויק גייט פּאָרויס,
און פּויקט זיך פּאָרויס,
און מיר אַלע גייען
פריילעך אין די רייען:
טראַ-לאַ-לאַ,
און טראַ, לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ.

קלינגט, קלינגט, גלעקעלעך,
קלאַפּט, קלאַפּט, שטעקעלעך,
פייפט, פייפט, פייפעלעך,
קלאַפּט, קלאַפּט, פּייקעלעך:
טראַ-לאַ-לאַ,
און טראַ, לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ.

צו דיין געבוירנטאָג

צו דיין געבוירנטאָג,
צו דיין יום-טאָג היינט,
האָבן זיך פֿאַרזאַמלט
דיינע גוטע פֿריינד.
הוראַ-הוראַ — מיר ווינטשן דיר,
הוראַ-הוראַ — מיר ווינטשן דיר,
הוראַ-הוראַ, מיר ווינטשן דיר געזונט.



האָקן־באָקן

האָקן-באָקן,
קלינגען גלאָקן,
גלאָקן קלינגען,
ציגן שפּרינגען,
שפּרינגען ציגן,
פון די וויגן.

היסן-ניסן,
עק פאַרריסן,
פליען יאָגן,
שטאַרק צעטראָגן,
האָקן-באָקן,
שטאַרק דערשראָקן.

א רעטעניש

אָן אויגן
און אָן אויערן
און פּירט
אַ בלינדן.

טאקע?

אַ טויבער האָט געהערט,
ווי אַ שטומער האָט דערציילט,
אַז אַ בלינדער האָט געזען,
ווי אַ קרומער איז אַנטלאָפן.

דער פּאָפּוגײַ

הײַ, דו גרינער פּאָפּוגײַ
מיטן שנאָבל ווי אַ שופר,
זאָג: וואָס שרײַסטו: אײַ, און אײַ
גאַנצע טעג אָן אויפהער?

פּינטלט פּאָלי מיטן אײגל,
שרײַט און פּינטלט מיטן אײגל:
פּאָלי וויל אַ בײגל,
פּאָלי וויל אַ בײגל.

עטל

עטל די קלײנע האָט געשפּילט זיך אין קיך,
איז געקומען דאָס קעצל און פֿאַרשלעפּט אירע שיך.
זיצט עטל די קלײנע אין קיך איצט אַלײן,
און וואַרט ביז די מאַמע וועט קומען צוגײן.

עפּעלע

עפּעלע רויט,
עפּעלע גרין,
וויגט זיי אַ ווינטל
אַהער און אַהין.
עפּעלע גרין,
עפּעלע געל,
פֿאַלט אַן עפּעלע
ביי מײַן שוועל.



קלעזמער

מיט דעם סמיטשיק אויפן באַס
שפּילט אַ בער אינמיטן גאַס:
בו-בו-בו, בו-בו-בו.
פּויקט אַ העלפאַנד — טרעפט מיט וואָס?
אין אַ פּייקל מיט דער נאָז:
בים-בים-באָם, בים-בים- באָם.

מיט די טאַצן קלינגט אַ קאַץ,
פריילעך רייבט זי טאַץ אָן טאַץ:
טשים-טשים-טשאָם, טשים-טשים- טשאָם.
אויף אַ פייפל שפּילט אַ גריל,
זאָל גיין טאַנצן ווער עס וויל:
צריל-צריל-צריל, צריל-צריל-צריל.

טעלער

טעלער ווייסע
וואַש איך ריין,
און איך וויש זיי
אויס אַליין.
שטעל איך אויס זיי
אויפן טיש,
פאַרן פלייש
און פאַר די פיש.

אַ מאָל איז געווען

אַמאָל איז געווען, אַמאָל איז געווען,
אַ קליין יידעלע,
האָט ער געהאַט, האָט ער געהאַט
אַ שיין פידעלע.

איי, איי, איי,
איי, איי, איי,
מאַכט דאָס פידעלע.
אוי, אוי, אוי, אוי,
מאַכט דאָס יידעלע.

אַמאָל איז געווען, אַמאָל איז געווען,
אַ קליין יידעלע,
האָט ער געהאַט, האָט ער געהאַט
אַ שיין פייפעלע.

פיו, פיו, פיו,
פיו, פיו, פיו,
מאַכט דאָס פייפעלע.

אוי, אוי, אוי, אוי,
מאַכט דאָס יידעלע,

אַמאָל איז געווען, אַמאָל איז געווען,
אַ קליין יידעלע,
האָט ער געהאַט, האָט ער געהאַט
אַ שיין פייקעלע.

בים-בים-באָם
בים-בים-באָם
מאַכט דאָס פייקעלע.

פיו, פיו, פיו,
פיו, פיו, פיו,
מאַכט דאָס פייפעלע,

איי, איי, איי,
איי, איי, איי,
מאַכט דאָס פידעלע,

אוי, אוי, אוי, אוי,
מאַכט דאָס יידעלע.



איך וועל דיך נעמען פאר א כלה

— כ׳וועל דיך פאַר אַ כלה נעמען,
און כ׳וועל דיינער בלייבן.
דו זאָלסט אין שניי אין מיטן ווינטער
פּאָזעמקעס מיר קלייבן.

— כ׳וועל אין שניי אין מיטן ווינטער
פּאָזעמקעס דיר קלייבן,
זאָלסט פאַר מיר די גאַנצע תורה
אויף אַ נאָגל שרייבן.

— כ׳וועל פאַר דיר די גאַנצע תורה
אויף אַ נאָגל שרייבן,
זאָלסט מיר נייען זיבן העמדער
אָן פאָדעם און אָן צייגן.

— כ׳וועל דיר נייען זיבן העמדער
אָן פאָדעם און אָן צייגן,
דו ביסט אַ נאַר און איך נישט קליגער,
טאָ לאָמיר ביידע שווייגן.



די סאָווע

ס׳האָט געלעבט אַן אַלטע סאָווע
אויף אַ דעמבן בוים העט, העט.
וואָס מער זי האָט געהערט,
אַלץ ווייניקער גערעדט.

וואָס ווייניקער גערעדט,
אַלץ מער האָט זי געהערט.
פון דער סאָווע זיך צו לערנען
איז כ׳לעבן טאַקע ווערט.

אויף רעדלעך

רעדלען, רעדלען רעדעלעך,
אויף יעדן פוס צו פיר,
אויף שטעגן וועגן גלאַטינקע,
געפּלאַסטערט בלויז פאַר מיר.

דאָס ערשטע רעדל — רידל-ראַ,
דאָס צווייטע — רידל רוים,
דאָס דריטע — רעדלט רידל רי,
דאָס פערטע הערט מען קוים.

אַז הינטל-ווינטל לויפט געשווינד,
ווייסט יעדערער פֿון אייך.
דאָך קאָן עס קיינמאָל, קיינמאָל נישט
זיך יאָגן מיט מיר גלייך.

ווייל רעדל איינס מאַכט רידל-ראַ
דאָס צווייטע רידל רוים.
דאָס דריטע רעדלט רידל-רי
דאָס פֿערטע הערט מען קוים.

נאָר פּלוצלונג — אוי, אַ צרה מיר,
אַ טראַך אין דר׳ערד אַריין.
עס שפּריצן בליצן שטערנדלעך,
און איך — איך זע קיין שיין.

עס שווייגן מיינע רעדעלעך,
פֿאַרשטומט איז רידל רוים,
און איך דער גרויסער העלד אַליין —
איך ליג און ריר זיך קוים.



א פידלער

ס'האָט דער טאַטע פון יאַרידל
מיר געבראַכט אַ נייע פידל;
דאָ, רע, מי, פאַ, סאָל, לאַ, סי,
שפּיל איך: טידל-די, די-די.

כ'האַלט דאָס קעפּל אָנגעבויגן
און פאַרגלאָצ די ביידע אויגן;
דאָ, רע, מי, פאַ, סאָל, לאַ, סי,
שפּיל איך: טידל-די, די-די.

רעכטן טראָט פאָרויס אַ ביסל,
קלאַפּ דעם טאַקט צו מיטן פיסל;
דאָ, רע, מי, פאַ, סאָל, לאַ, סי,
שפּיל איך: טידל-די, די-די.

קוועלט און וואונדערט זיך די מאַמע
„קענסט דאָך אַזוי גוט די גאַמע?"
דאָ, רע, מי, פאַ, סאָל, לאַ, סי,
שפּיל איך: טידל-די, די-די.



שבת־רו

דער טאָג פאַרגייט,
די נאַכט פאַלט צו,
און ברענגט מיט זיך
די שבת-רו.

די אַרבעט איז
שוין אָפּגעטאָן,
דער שבת קומט
אין הויז באַלד אָן.

דאָס הויז איז ריין,
געדעקט דער טיש,
מיט לייכטער, ליכט,
מיט חלה, פיש.



שבת

חלה, חלה, אויפן טיש,
טיש געגרייט מיט וויין און פיש.
חלה, חלה, ווייס און פריש,
לייכטער, בענטש-ליכט אויפן טיש.

לכבוד שבת

שפיץ בערדעלע,
עס מיילעכל,
שמעק נעזעלע,
קוקט אייגעלעך,
לכבוד שבת, פנימל.

שלום עליכם

שלום עליכם, — מלאכים פיינע,
שלום עליכם, מלאכים מיינע,
שלום עליכם, ווייב און קינד,
שבת קודש איז אַצינד.
שלום עליכם גוטע פריינט,
שבת קודש איז דאָך היינט.
שלום עליכם, זיידעס באָבעס,
שלום עליכם, ליבער שבת.

א שבת זמרל

קוגל הייסטו,
אין אויוון שטייסטו,
און אַז מע רופט דיך, גייסטו.
וויין הייסטו,
אין קעלער שטייסטו,
און אַז מע רופט דיך, גייסטו.



אַ גוט שבת, מומע האָדל

אַלע פרייטיק,
ערב שבת,
באַקט די מומע האָדל.
האָניק לעקעך,
צוקער לעקעך,
קיכעלעך און שטראָדל.
— נאָך אַ שטיקל,
נאָך אַ שטיקל,
לעקעך, פלאָדן, שטראָדל.
— אַ גוט שבת,
— אַ גוט יאָר,
— אַ דאַנק דיר, מומע האָדל.

די גאַנצע משפחה

מיך רופט מען זלמן,
דער טאַטע הייסט קלמן,
דער ברודער הייסט זרח,
דער זיידע הייסט ברוך,
די מאַמע הייסט קיילע,
די שוועסטער הייסט ביילע,
מיין פערדל הייסט סירקע,
מיין קעצל הייסט מירקע,
מיין באָבע הייסט יאָכע —
די גאַנצע משפחה.

אויפן פריפעטשיק

אויפן פריפעטשיק ברענט אַ פייערל,
און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אַלף-בית.

זאָגט זשע, קינדערלעך, געדענקט זשע, טייערע,
וואָס איר לערנט דאָ,
זאָגט זשע נאָך אַמאָל, און טאַקע נאָך אַמאָל:
קמץ-אַלף-אָ.



גייען מיר שפּאַצירן

גייען מיר שפּאַצירן
ווייט און ווייט אַוועק,
גייען מיר און גייען —
עס נעמט גאָרניט קיין עק.

וואָס־זשע דאַרף אונדז אַרן,
זומער איז דאָך דאָ,
קומען מיר ניט איצטער,
איז שפּעטער מיט אַ שעה.

גרינע פעלדער אונטן,
אויבן הימל בלוי
און די זון אין מיטן
גליט און ברענט אַזוי.

וואָס-זשע דאַרף אונדז אַרן.
זומער איז דאָך דאָ.
קומען מיר ניט איצטער,
איז שפּעטער מיט אַ שעה.



משיח

אוי, קינדערלעך ליבע,
ס'וועט זיין אַזוי שיין,
משיח וועט קומען
אין גיכן צו גיין.

די אויגן אַזוי ווי
צוויי זונען ביי אים,
אַ הויכער, אַ ווייסער
און זילבער די שטים.

— וואָס האָט איר מיר, קינדער,
צום אויפּנעם געגרייט?
— משיח געטרייער,
מיר האָבן געזייט.

מיט איין האַנט צום אַקער,
און איין האַנט צום שווערד,
די אויגן צום הימל,
די פיס אויף דער ערד.

— און ווער האָט אייך קינדער
די בשורה געבראַכט?
— משיח געטרייער,
מיר האָבן געוואַרט

און שומרים געהאַלטן
אויף איטלעכן וועג —
משיח, משיח,
וועט קומען די טעג.

שנירעלע־פּערעלע

שנירעלע-פּערעלע גילדערנע פאָן,
משיח בן דוד זיצט אויבן אָן.
האַלט אַ בעכער אין דער רעכטער האַנט,
מאַכט אַ ברכה אויפן גאַנצן לאַנד.
אמן ואמן — דאָס איז וואָר,
משיח וועט קומען היינטיקס יאָר.

וועט ער קומען צופאָרן —
וועלן זיין גוטע יאָרן.
וועט ער קומען צו רייטן —
וועלן זיין גוטע צייטן.
וועט ער קומען צוגיין —
וועלן די יידן אין ארץ־ישראל איינשטיין.



מתן־תורה

אויף דעם סיני, אויף דעם אַלטן,
ליגט אַן אוצר לאַנג באַהאַלטן.
תורה לי לי, אורה לי.
דער באַרג אין פייער און אין רויך;
משהן רופט מען אין דער הייך.
תורה לי לי, אורה לי.
זעט דאָס גאַנצע פאָלק צוזאַמען
משה שטייגט אין רויך און פלאַמען.
תורה לי לי, אורה לי.
אונדזער רבי און באַפרייער,
זאָג, וואָס גייסטו אין דעם פייער?
תורה לי לי, אורה לי.
קינדער מיינע, האָט ניט מורא,
כ'ברענג פון סיני אייך די תורה.
תורה לי לי, אורה לי.
און גאָט האָט משהן דאָרט געגעבן
אונדזער תורה — אייביק לעבן.
תורה לי לי, אורה לי.



שבועות

שבועות, שבועות,
ליבע קינדער,
שבועות איז געקומען,
אויסגעפוצט —
מיט גרינע צווייגן,
און באַקראַנצט מיט בלומען.



ראש השנה

טונקסטו ברויט אין האָניק איין,
וועט דאָס ניי-יאָר זיס דיר זיין,
פירסטו אויף זיך גוט און פיין,
וועט דאָס יאָר נאָך בעסער זיין.

אַ סוכות־ליד

אַ סוכּהלע זיך אויפגעשטעלט,
פיר ווענט, אַ טיר, אַ דאַך
און צוגעדעקט דאָס סוכּהלע
מיט פרישן גרינעם סכך.
די ווענט באַפּוצט מיט טעפּעכער,
פענצטער — קליינע צוויי;
אויף פאָדעם הענגען ווײַנטרויבן
און פרוכטן אַלערליי.
טיש און בענקלעך אויפגעשטעלט,
אַלץ מיט ווייס פאַרשפּרייט;
חלה — פריש געבאַקענע
האָט מאַמע צוגעגרייט.
די מאַמע אין איר זיידן קלייד
און מיט אַ פרום געזיכט,
דעקט שטילערהייט די אויגן צו
און בענטשט די יום-טוב-ליכט.

שמחת־תורה

אַ פאָן מיט אַ ליכטעלע
מיט אַ רויטן עפּל,
טאַנץ מיט דער תורה,
אַ געזונט אין דיין קעפּל.

דריי מלאָכים



איי, ליו-ליו-ליו, איי ליו, ליו,
מאַך, מיין קינד, די אייגלעך צו.

דריי מאָל קרייט דער רויטער האָן.
קומען דריי מלאכים אָן.

שיינע קרוינען טראָגן זיי,
ווייסע פליגלען האָבן זיי,
מיט די פליגל פאָכען זיי,

פאָכען לייכט און פאָכען לינד
אַרום וויגל פון מיין קינד.

ערשטער מלאך אין דער נאַכט,
וואָס האָסטו, מיין קינד, געבראַכט?

זאָגט דער מלאך: אין מיין קרוין
האָב איך אַזאַ כישוף-שטיין.

טו איך מיטן שטיין אַ דריי,
אויף דיין קינד אַ דריי אַזוי,

וועט ער האָבן לאַנגע יאָר
און דערלעבן גרויע האָר.

קוקורעקו-רעקו האָן
טוט אַ קריי דער רויטער האָן,

און דער מלאך פון זיין קרוין
נעמט אַרויס דעם כישוף-שטיין,

טוט אַ דריי אים אויף מיין קינד,
פליט צום באַלקן און פאַרשווינדט.

איי ליו-ליו-ליו, איי ליו, ליו,
מאַך, מיין קינד, די אייגלעך צו.

צווייטער מלאך אין דער נאַכט,
וואָס האָסטו מיין קינד געבראַכט?

זאָגט דער מלאך: אין מיין קרוין
האָב איך אַזאַ איידל-שטיין,

טו איך מיטן שטיין אַ דריי,
אויף דיין קינד אַ דריי אַזוי,

וועט ער לערנען גוט און פיין,
וועט אַ תלמיד-חכם זיין.

קוקורעקו-רעקו האָן
טוט אַ קריי דער רויטער האָן.

און דער מלאך פון זיין קרוין
נעמט אַרויס זיין איידל-שטיין,

טוט אַ דריי אים אויף מיין קינד,
פליט צום באַלקאָן, און פאַרשווינדט.

איי ליו-ליו-ליו, איי ליו, ליו,
מאַך, מיין קינד, די אייגלעך צו.

דריטער מלאך אין דער נאַכט,
וואָס האָסטו מיין קינד געבראַכט?

זאָגט דער מלאך: אין מיין קרוין
האָב איך אַזאַ דימענט-שטיין.

טו איך מיטן שטיין אַ דריי,
אויף דיין קינד אַ דריי אַזוי,

וועט ער זיין אַ גרויסער גביר,
האָבן אוצרות אָן אַ שיר.

און דער מלאך פון זיין קרוין
נעמט אַרויס דעם דימענט-שטיין,

טוט אַ דריי אים אויף מיין קינד,
פליט צום באַלקאָן און פאַרשווינדט.

איצטער שלאָפט דער רויטער האָן
ווייל ער האָט ניט וואָס צו טאָן.

איי ליו-ליו-ליו, איי ליו, ליו,
מאַכט מיין קינד די אייגלעך צו.

מיכלקע

האָב איך מיר אַ קליינעם מיכלקע
וואוינט ער אויף דער לאַנגער גאַס,
מאַכט ער מיר, וואָס איך וויל,
מאַכט ער מיר, וואָס ער קאָן —

מאַכט ער מיר אַ פּייפעלע,
מאַכט עס אָט אַזוי:
פּיו, פּיו, פּיו, פּיו, פּיו,
פּיו, פּיו, פּיו, פּיו, פּיו,
מאַכט דאָס פּייפעלע.

האָב איך מיר אַ קליינעם מיכלקע
וואוינט ער אויף דער לאַנגער גאַס,
מאַכט ער מיר, וואָס איך וויל,
מאַכט ער מיר, וואָס ער קאָן —

מאַכט ער מיר אַ טרובקעלע,
מאַכט עס אָט אַזוי:
טרו, טרו, טרו, טרו, טרו, טרו,
טרו, טרו, טרו, טרו, טרו, טרו,
מאַכט דאָס טרובקעלע.

האָב איך מיר אַ קליינעם מיכלקע
וואוינט ער אויף דער לאַנגער גאַס,
מאַכט ער מיר, וואָס איך וויל,
מאַכט ער מיר, וואָס ער קאָן —

מאַכט ער מיר אַ פּייקעלע,
מאַכט עס אָט אַזוי:
בים, בים, בירעבאָם,
בים, בים, בים,
בים, בים, בירעבאָם,
בים, בים, בים,
מאַכט דאָס פּייקעלע.

מיכלקע



א יינגעלע אזא

אַ יינגעלע, אַ יינגעלע, אַלט איז ער צוויי יאָר,
קויפט מען אים אַ פערדעלע, וויל ער צוויי — אַ פּאָר.
אַ יינגעלע, אַ יינגעלע, אַלט איז ער צוויי יאָר,
האָט די מאַמע אַ מיידעלע, וויל ער צוויי — אַ פּאָר.
אַ יינגעלע, אַ יינגעלע, אַלט איז ער צוויי יאָר,
גיט מען אים אַן עפּעלע, וויל ער צוויי — אַ פּאָר.
אַ יינגעלע, אַ יינגעלע, אַלט איז ער צוויי יאָר,
גיט מען אים אַ פּעטשעלע, וויל ער צוויי — אַ פּאָר.

אונדזער עטעלע

ליב האָט אונדזער עטעלע
צו ליגן לאַנג אין בעטעלע,
פֿיינט האָט זי נאָר אויפצושטיין,
און אויף דער נאַכט צו שלאָפן גיין.

ליב האָט עטעלע צו נאַשן,
פֿיינט דאָס פּנימל צו וואַשן,
קנאַקן ניסלעך — גאָר ניט פֿויל,
פֿיינט צו וואַשן זיך דאָס מויל.

קאַרוסעלן

רונדאַ, רונדאַ, רונד אַרום
אויף די קאַרוסעלן,
יאַנקל-באַנקל בול-בול-בול
הערט ניט אויף צו קוועלן.

אַ פוס אַהער, אַ פוס אַהין
און דאָס פערד אינמיטן,
יאַנקל-באַנקל פייער-פלאַם,
אַז רייטן, איז געריטן.

ראָד אַריין און ראָד אַרויס,
אַזש דער קאָפּ פאַדרייט זיך,
יאַנקל-באַנקל יאָגט זיין פערד,
יאָגט זיין פערד און פרייט זיך.

קלינגען גלעקלעך, פויקט די פויק,
די שאַרמאַנקע זשומעט,
טאַנצט די וועלט אַ קאַראַהאָד,
דרייט זיך אַלץ אַרומעט.

רונדאַ, רונדאַ, רונד אַרום
אויף די קאַרוסעלן,
יאַנקל-באַנקל בול-בול-בול
הערט ניט אויף צו קוועלן.



באָל־שפּיל

צו דער וואַנט,
צוריק צו מיר.
איינס און צוויי
און דריי און פיר.

פינף און זעקס,
שטאַרקער קלאַפּ,
איך וואַרף און כאַפּ
און וואַרף און כאַפּ.

איך צו דיר,
און דו צו מיר,
אַ גרוס פון מיר
אַ גרוס צו דיר.

קיץ־קאַץ

קיץ־קאַץ, קעצעלע,
וואַש מיר אויס אַ טעצעלע,
ס׳קומען געסט צו מיר.
ס׳קומט די מומע מירעלע
מיט דער טאָכטער צירעלע —
עפן זײ די טיר.

וואַשט די קאַץ אַן אויערל,
עפנט זיך דאָס טויערל,
ס׳קומען געסט צו מיר.
ס׳קומען קינדער ברעקעלעך,
רייטן זײ אויף שטעקעלעך —
עפן זײ די טיר.

א רעטעניש

אַ ליילעך געשפּרייט,
אַרבעס געזייט,
אַ טעלערל אין מיטן,
אַמאָל איז ער צעשניטן.

דריי יינגעלעך

די מאַמע האָט דריי יינגעלעך
דריי יינגעלעך געהאַט,
מיט ווייכע רויטע בעקעלעך,
ווי צאַרטער סאַמעט גלאַט.

האָט איינס געהייסן בערעלע —
דאָס צווייטע — חיים-שמערעלע —
דאָס דריטע האָט געהייסן —
מע זאָל אים קויפן שיך.

איך האָב אייך אָפּגענאַרט,
איך האָב געוואוסט: איר וואַרט,
דאָס דריטע קליינע יינגעלע,
דאָס דריטע דאָס בין איך.

די מאַמע האָט דריי ניסעלעך
פון דעם יאַריד געבראַכט,
דריי גוטע פעטע ניסעלעך,
דריי ניסעלעך אַ פּראַכט.



איז איינס געווען פאַר בערעלען,
און איינס פאַר חיים-שמערעלען,
און גאָר דאָס בעסטע ניסל —
האָט זי געלאָזט פאַר זיך.

איר וואונדערט זיך אַ ביסל,
פאַרוואָס ניט מיר אַ ניסל?
וויל ניסן, ניסן, ניסעלע,
דאָס דריטע, דאָס בין איך.

די מאַמע האָט אַהיים געבראַכט
דריי ניסעלעך און מיך,
דריי ניסעלעך פאַר די ברידערלעך,
און מיר צוויי נייע שיך.



זיך איבערגעבעטן

— קום רחלע זיך שפּילן,
נו, גיכער ניט געקלערט:
איך וועל זיין דער טרייבער
און דו וועסט זיין דאָס פערד.

— איך דיין פערד זאָל ווערן,
וועט קיינמאָל ניט געשען,
דו רעד אַזוי, אַנטלויף איך,
און לאָז דיר דאָ אַליין.

— איך האָב פאַר דעם ניט מורא,
מעגסט לויפן ווי געשווינד,
ווען עס קומט צום לויפן,
בין איך שנעלער ווי דער ווינט.

— נאָך איידער דו נעמסט לויפן,
פליוך, איך בין אין טייך;
איך ווער מיר דאָרט אַ פישל,
מיט אַלע פיש צוגלייך.

— דו מעגסט אַ פישל ווערן,
מעג זיין דער טייך ווי גרויס;
איך ווער אויף גיך אַ פישער
און נעם דיר באַלד אַרויס.

— איך זע דו ביסט אַ גוטער,
נו, גיכער ניט געקלערט;
קום, דו וועסט זיין דער טרייבער
און איך וועל זיין דאָס פערד.

אין מיט שטעטל

אין מיטן שטעטל שטייט אַ שטיבל
מיט אַ גרינעם דאַך,
און אַרום דעם שטיבל וואַקסן
בלימעלעך אַ סך.

און אין שטיבל שוין פון יאָרן
וואוינען דאָרטן פיר:
וואוינט דער טאַטע מיט דער מאַמען,
חנהלע מיט מיר.

און דער טאַטע אַרבעט, אַרבעט
אַלע זיינע יאָרן,
און ער ברענגט מיר שיינע זאַכן,
ווען ער קומט צו פאָרן.

ברענגט אַ פערדל, וואָס סע הירזשעט,
און מע רופט עס מוציק,
ברענגט אַ הינטל, וואָס סע האַווקעט,
און מע רופט עס צוציק.

ברענגט אַ גאַנדז מיט אַ האַלדז אַ ווייסן,
פעדערלעך ווייס ווי שניי,
ברענגט אַ הון, וואָס קוואַקעט, קוואַקעט
ביז זי לייגט אַן איי.

ברענגט אַ ציג, וואָס מעקעט, מעקעט,
שאָקלט מיטן בערדל,
שפּאַן איך איין די ציג אין וואָגן
ווערט די ציג אַ פערדל.



קומט א פויגל

קומט אַ פויגל צו מיין שויב,
קלאַפּט ער צוויי מאָל אָן.
פויגל קליין און פויגל שיין,
וואָס זאָל איך דיר טאָן?
— צווי, צווי, צווי, צווי, צווי, צווי,
און אַ וואָרט ניט מיין,
— צווי, צווי, צווי, צווי, צווי, צווי,
קאָן איך ניט פאַרשטיין.

קומט אַ שטורעם פון דער ווייט,
רייסט ער אויף מיין טיר,
שטורעם בייזער, זאָג מיר וואָס
דו פאַרלאַנגסט פון מיר?
— וואו, וואו, וואו, וואו, וואו, וואו,
און אַ וואָרט ניט מיין,
— וואו, וואו, וואו, וואו, וואו, וואו,
קאָן איך ניט פאַרשטיין.

קום איך צו אַ וואַסערל,
הער איך ווי עס שרייט.
וואַסער ליבע, זאָג מיר וואָס
דיין געשריי באַטייט?
— פלו-פלו-פלו, און פלו-פלו-פלו,
און אַ וואָרט ניט מיין,
— פלו-פלו-פלו, און פלו-פלו-פלו,
קאָן איך ניט פאַרשטיין.

שושקעט זיך דאָס גאַנצע פעלד,
ווען איך גיי פאַרביי —
זאַנגען ליבע, זאָגט וואָס מיינט
אייער שושקעריי?
— שו-שו-שו, און שו-שו-שו,
און אַ וואָרט ניט מיין,
— שו-שו-שו, און שו-שו-שו,
קאָן איך ניט פאַרשטיין.



אין א קליין שטיבעלע

אין אַ קליין שטיבעלע
וואוינט אַן אַלטע יידענע
מיט אירע זיבן קינדער —
אַלע — אַ בייז וואונדער:
מיט אַזוינע נעזער,
מיט אַזוינע אויגן,
מיט אַזוינע אויערן,
מיט אַזוינע קעפּ,
מיט אַזוינע האָר,
מיט אַזוינע בייכער
מיט אַזוינע רוקנס,
מיט אַזוינע זייטן,
מיט אַזוינע פיס,
מיט אַזוינע הענט.
גאָרנישט ניט געגעסן,
גאָרנישט ניט געטרונקען,
נאָר זיי טאַנצן שפּרינגען,
לידער נאָר זיי זינגען.

ציגעלע-מיגעלע

ציגעלע-מיגעלע קאָטינקע,
רויטע פּאָמעראַנצן,
אַז דער טאַטע קושט די מאַמע,
גייען די קינדער טאַנצן.

פ י ס

זעקס פיס גייען,
גייען אין אַ ריי,
זעקס פיס גייען, —
צוויי און צוויי און צוויי.

זיי גייען אין גאַס,
זיי גייען אין הויף,
זיי גייען אַראָפּ,
זיי גייען אַרויף.

אָט גייען זיי שטיל,
אָט גייען זיי גיך —
דאָס גייט מיין טאַטע,
מיין מאַמע און איך.

צ י י ל ן

ענגע — בענגע,
סטופּע צענגע,
אָרצע באָרצע,
גאָלע שאַרצע,
היימעלע — ביימעלע,
אייגעלע — בייגעלע
האָפּ.

איינס, צוויי, דריי, פיר,
קאָנסטו ציילן מער פון מיר?
וואַרט, איך וועל אַ גרויסער זיין,
וועל איך ציילן ביסקל ניין.

הארבסט

ווי שיין זיינען האַרבסטיקע בלעטער,
וואָס ליגן צעוואָרפן אין גראָז,
די גאָלדענע, רויטע און ברוינע,
וואָס טאַנצן פון ווינטלס אַ בלאָז.

ווי גוט איז צו טרעטן אויף בלעטער,
וואָס שאָרכן דיר אונטער די פיס,
און הערן ווי וועווריקעס שפרינגען,
און זאַמלען אויף ווינטער די ניס.

די לופט איז געשמאַק ווי אַן עפל —
כאַטש בייס זיך אַריין מיט די ציין.
ס'איז גוט, וואָס נאָך זומער דעם הייסן
די מילדקייט פון האַרבסט קומט צוגיין.

אין אן אָרעם שטיבעלע

אין אַן אָרעם שטיבעלע
אָוונט-צייט ביים קוימען,
שפּינט אַ ליבע מוטער דאָרט
פאַרן קינד אירס טרוימען.

זינגט זי אים אַ לידעלע,
פּאַטשט עס מיט די הענטלעך
זינגט דאָס גאַנצע שטיבעלע,
זינגען מיט די ווענטלעך.

פּאַטשע-פּאַטשע קיכעלעך,
אוצרל מיין שיינער.
טאַטע ט'קויפן שיכעלעך,
זונעלע מיין קליינער.

טאַטע ט'קויפן שיכעלעך,
מאַמע ט'שטריקן זעקלעך,
טאַטע ט'קויפן פערדעלעך,
מאַמע ט'אָנטאָן גלעקלעך.



אויפן גליטש

גליטשן, גליטשן, גליטש זיך ווידער,
וואַרעם ווערט אין אַלע גלידער,
פלאַם אין בעקלעך, קראַפּט אין הענט,
אין דעם אויער — פייער ברענט.

מיט אַ שליטל, אָן אַ שליטל,
אויף די קני, צי אויפן היטל,
היי אַלצאיינס, יאַט נאָך יאַט,
גליטש איז אויסגעגאָסן גלאַט.

פראָסט האָט ליב צו זיין אין דרויסן,
פראָסט האָט ליב אַ גליטש אַ גרויסן,
פראָסט האָט ליב, אַז מ'איז ניט מיד,
היי, לכבוד אים אַ ליד.

רעטעניש

הויך געפלויגן,
נידעריק געצויגן
געבעט זיך ווי אַ האַר,
געלעגן ווי אַ נאַר.

שניי־טייבעלעך

שניי, און שניי, און שנייעלעך,
פּיצינקעלעך, טייבעלעך,
פליען, פליען, זעצן זיך
אויף דער גאָרער וועלט.

ווערט די וועלט אַ ווייסינקע,
פול באַזעצט מיט טייבעלעך,
שניי, און שניי, און שנייעלעך,
פרישינקע ווי קעלט.

גיי איך — שפּרינגען טייבעלעך;
לויף איך — פליען טייבעלעך,
שניי, און שניי, און שנייעלעך —
מיך פּאַדרייען זיי.

אוי אַ שאָד צו רירן זיי,
אוי אַ שאָד צו טרייבן זיי.
שטיי איך בעסער, ריר זיך נישט —
ס׳טוט מיר האַרציק ווי.

רעטעניש

גלאַט ווי סאַמעט,
ווייס ווי שניי,
מע קוקט זיך איין,
זעט מען צוויי.

דער פּעטער שנייער

גלעקלעך קלינגען: גלין-גלין-גלאָן,
פון די ווייסע ווייטן,
עמעץ קומט אַ ווייסער אָן
אויף אַ גרויסן שליטן.

קליפּ-קלאַפּ, באַלעבאָס,
עפן אויף דעם טויער,
קליפּ-קלאַפּ — ווער איז דאָס?
איך, דער פּעטער שנייער.

נו, טאַ גיי געזונטערהייט,
קומסט די מענטשן שרעקן,
אין דער נאָרע אויף אַ קייט
נעמט דער הונט זיך וועקן.

אויפן בוידעם קרייט דער האָן,
היידאַ, פּעטער שנייער,
גלעקלעך קלינגען: גלין-גלין-גלאָן
אין די ווייסע ווייטן.







דער ווינטער איז געקומען

דער ווינטער איז געקומען,
דער שניי פליט און פליט,
מיר זיצן אין צימער,
מיר זינגען אַ ליד.

אַ ליד און אַ שפּיל,
אַ טענצל דערביי,
מיר פרייען זיך אַלע,
ווי ס׳וואָלט געווען מאַי.

זאָל שנייען און דרייען
אָן אויפהער אין גאַס,
דער ווינטער וועט זיין אונדז
אַ טייערער גאַסט.



שנייעלע

שנייעלע, שנייעלע ווייסינקער פליט
אונטער די שליטעלעך, אונטער די טריט.

יינגעלעך, מיידעלעך, מאַרש אין גאַלאָפּ,
גליטשיק דאָס שטעגעלע בערגל אַראָפּ.

גליטשיק דאָס שטעגעלע אַזש ביז אין טאָל,
יינגעלעך, מיידעלעך, איינס מיט אַמאָל.

ווינטעלע, ווינטעלע, בלאָז ניט אַזוי,
אונדזערע היטעלעך וואַרף ניט אין שניי

אונדזערע היטעלעך איינס אויף דער וועלט,
פון אונדזער מאַמעניו חנוכה-געלט.

וועט אונדזער מאַמעניו האָבן פיל צער,
וועט אונדז דער טאַטעניו שטראָפן דערפאַר.



לייג איך מיר מיין קעפּעלע

לייג איך מיר מיין קעפּעלע
אויף מיין מאַמעס בעטעלע,
גייט מיין מאַמע פאַרביי,
רק זי לאַכט און קוועלט:

שלאָף, מיין טאָכטער קליינינקע,
אייגעלעך האָסטו שיינינקע,
שלאָף-זשע, שלאָף געזונט,
שלאָף, מיין טייער קינד.

לייג איך מיר מיין קעפּעלע
אויף מיין טאַטנס בעטעלע,
גייט מיין טאַטע פאַרביי,
רק ער לאַכט און קוועלט:

שלאָף, מיין טאָכטער האַרציקע,
אייגעלעך האָסטו שווארצינקע,
שלאָף-זשע, שלאָף געזונט,
שלאָף, מיין טייער קינד.





חנוכה

חנוכה, חנוכה, אַ יום־טוב אַ שיינער,
אַ לוסטיקער, אַ פריילעכער, נישטאָ נאָך אַזוינער,
אַלע טאָג אין דריידל שפּילן מיר,
פרישע, הייסע לאַטקעס עסן מיר.

געשווינדער, צינדט, קינדער,
די חנוכה ליכטעלעך אָן,
און לאָמיר אַלע זינגען,
און לאָמיר אַלע שפּרינגען,
און לאָמיר אַלע טאַנצן אין קאָן.



א יידיש הויז

דער טאַטע האָט אין לעמפּעלע
געצונדן ליכטלעך אַכט,
די מאַמע האָט פון קיך אַרויס
די לאַטקעלעך געבראַכט.
די קינדער האָבן לאַכנדיק
די דריידלעך פלינק געדרייט,
און ס׳האָט דער ליבער חנוכה
געבראַכט אַזוי פיל פרייד.

די מגילה

אַמאָל איז געווען
אַ קעניג אַ נאַר,
און המן זיין דינער —
אַ ביטערער האַר.

האָט המן דער בייזער
געגעבן אַ זאָג:
נעמט הרגעט די יידן —
און אַלע אין איין טאָג!

האָט אסתר די מלכה —
אַ יידישע פרוי,
געוויינט פאַרן קעניג
אַזוי און אַזוי:

אָ, העלף מיר, מיין קעניג,
מיין פאָלק איז אין נויט,
דער המן וויל ברענגען
אויף יידן דעם טויט!

און באַלד האָט דער קעניג
צעבייזערט זיך שטאַרק:
נעמט הענגט אים דעם המן
אין מיטן פון מאַרק!

און אסתרס פעטער —
מרדכי דער ייד,
האָט געזונגען פאַר יידן
אַ פורימדיק ליד.

געהערט האָבן יידן
און האָבן געלאַכט,
און זיסע המן-טאַשן
אויף פורים געמאַכט.

אסתר

פון גאָלד מיין קרוין,
פון גאָלד מיינע שיך,
אסתר המלכה
דאָס בין איך.

פון גאָלד מיין קרוין,
פון גאָלד מיין קלייד —
איך ברענג די יידן
טרייסט און פרייד.

היינט איז פורים

היינט איז פורים,
מאָרגן איז אויס,
גיט מיר אַ גראָשן,
און וואַרפט מיך אַרויס.

שושנת יעקב

קום איך מיר אַריין צושפּרינגען
אויף אַ פּיסל לויז.
הייב איך אָן צו זינגען,
דער יום-טוב איז דאָך גרויס.

זינגען מיר און לויבן מיר:
שושנת יעקב,
זינגען מיר און לויבן מיר:
שושנת יעקב.



באַלעבאָסטע-לעבן

באַלעבאָסטע-לעבן, כ׳האָב ליב צו נאַשן,
כ׳האָב ליב צו נאַשן,
ברענגט אַריין די המן-טאַשן.
המן-טאַשן איז זייער זיס,
פּורים איז דאָך גאָרניט מיאוס.

איי ליו־ליו

איי ליו, ליו-ליו, איי ליו, ליו,
שלאָף מיין טייערער און רו;
וואויל איז דעם וואָס האָט אַ מאַמע
און אַ וויגעלע דערצו.
איי ליו-ליו...

אַלצדינג קען מען נאָך געפינען,
אַלצדינג קריגט מען נאָך פאַר געלט;
נאָר אַ מאַמע זי איז איינע,
מערניט איינע אויף דער וועלט.
איי ליו-ליו...

שלאָף, מיין טייערער, מיין ליבער,
מאַך די אויגן צו און רו;
גוט איז דעם וואָס האָט אַ מאַמען
און אַ וויגעלע דערצו.
איי ליו-ליו...

טייערע מלכה

טייערע מלכה,
געזונט זאָלסטו זיין,
גיס אָן דעם בעכער,
דעם בעכער מיט וויין.
בים-באָם,
בים-באָם.

דער דאָזיקער בעכער —
ער שיינט אַזוי שיין,
פון אים האָט געטרונקען
דער זיידע אַליין.
בים-באָם,
בים-באָם.



פסח

פסח, פסח,
יום-טוב ליבער.
ס׳איז דער ווינטער
שוין אַריבער,
און דער פרילינג
איז געקומען,
ברענגט אונדז מצה,
וויין און בלומען.

פסח, פסח,
יום-טוב שיינער.
אַלע שטיבער
ווערן ריינער,
אַלע לייכטער
ברענען העלער,
פול מיט מצה
שטייען טעלער.

ביי די טישן
זיצט מען פריילעך.
יעדער טאַטע
איז אַ מלך.
ס׳איז אונדז פסח
ליב און טייער.
ליב איז משה
דער באַפרייער.

אליהו הנביא

אליהו הנביא,
קומסט צוגיין צו אונדז פאַרשטעלט,
אליהו, מיט דיין גוטסקייט
איז דאָך פול די גאַנצע וועלט.





חד־גדיא

חד-גדיא איז אַ ציגעלע,
וואָס דער טאַטע האָט געבראַכט,

האָט קעצל דעם אַ ביס געטאָן
די ערשטע סדר-נאַכט.

צעהאַווקעט האָט זיך הינטעלע:
דו, קאַץ, דאָס איז געמיין!
און האָט דעם בייזן קעצעלע
געוויזן אַלע ציין.

חד גדיא!
חד גדיא!

האָט שטעקעלע פון וואַלד אַרויס
זיך גלייך אַרויסגעכאַפּט,
און האָט דעם האַוקער הינטעלען
די ביינער אָנגעקלאַפּט.

האָט פייערל אַזאַ מין זאַך
פאַרשווייגן ניט געקענט,
צעפלאַמט האָט זיך דאָס פייערל,
און שטעקעלען פאַרברענט.

חד גדיא!
חד גדיא!

געלאָפן איז דאָס וואַסערל,
געקומען גלייך פון ים,
אַ וואָרף זיך אויפן פייערל —
און שוין, נישטאָ קיין פלאַם.

געקומען איז דער אָקסן-קאָפּ,
מיט הערנער גלייך אַ שטויס:
דו, וואַסערל-קאַפּאַסערל!
און טרינקט דאָס וואַסער אויס.

חד גדיא!
חד גדיא!

נו, קינדער, מיינע טייערע,
אַ מעשה האָט אַן עק,
איצט קומט דער אַפּיקומן,
און פון פערטן כוס אַ לעק.

חד גדיא!
חד גדיא!









דריי ווייסע ציגעלעך

דריי ווייסע ציגעלעך
איינס האָט אויפן שטערן אַ רויטן פלעק,
איינס טראָגט אַ סטענגעלע אין עק,
נאָר דאָס דריטע מעקעט גאַנצע טעג.
ציגעלע טייערס
ציגעלע שרייער,
כ׳וועל פאַרשפאַרן דיך אין שטאַל,
וועט דיר ווערן ביטער גאַל.



דריי ווייסע ציגעלעך, —
איינס אַ נאַשער — עסט נאָר געקעכץ,
איינס אַ טעלער סמעטענע צעברעכט,
נאָר דאָס דריטע מיט די הערנער שטעכט.
ציגעלע טייערס,
ציגעלע פייער,
כ׳וועל פאַרבינדן דיר די פּיס,
וועסטו וויסן ווי גוט דיר ס׳איז.

דריי ווייסע ציגעלעך, —
איינס זיצט איינגענורעט אויף דער שוועל,
איינס ביים אויוון וואַרעמט זיך פון קעלט,
נאָר דאָס דריטע אַנטלויפט אויפן פעלד.
ציגעלע טייערס,
ציגעלע כאַיעס,
קום צוריק, דער רעגן גיסט,
נאַריש ציגעלע וואָס דו ביסט.

הערט א מעשה

הערט אַ מעשה, קינדערלעך,
הערט מיט נאָז און אויגן:
איבער באָבע יאַכנעס דאַך
איז אַ קו געפלויגן.

דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
דאָס איז אמת אַלץ געווען,
דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
איך האָב דאָס אַליין געזען.

זומער אָוונט אין דער פרי
איז אַ שניי געגאַנגען
און אויף אַ געברענטער שטרוי
איז אַ בער געהאַנגען.

דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
דאָס איז אמת אַלץ געווען,
דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
איך האָב דאָס אַליין געזען.

אויף אַ בוים געטאַנצט אַ שער
האָבן גענדז און ציגן,
און אַ קאַץ האָט זיך געזעצט
אויסמעלקן די פליגן.

דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
דאָס איז אמת אַלץ געווען,
דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
איך האָב דאָס אַליין געזען.

האָט די פּאַווע אײַנגעשפּאַנט
העכט אַ פּאָר אין צעבער,
און בײַ יאַסקען אויף דער נאָז
הענגט אַ לונג און לעבער.

דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
דאָס איז אמת אַלץ געווען,
דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
איך האָב דאָס אַליין געזען.



שיקט דער האר

שיקט דער האַר אַ פּויערל אין וואַלד,
ער זאָל דאָרט באַרעלעך רייסן,
ער זאָל דאָרט באַרעלעך רייסן.

פּויערל וויל ניט באַרעלעך רייסן,
באַרעלעך ווילן ניט פאַלן,
באַרעלעך ווילן ניט פאַלן.

שיקט דער האַר אַ הינטעלע אין וואַלד
ער זאָל דאָס פּויערל בייסן,
ער זאָל דאָס פּויערל בייסן.

הינטעלע וויל ניט פּויערל בייסן,
פּויערל וויל ניט באַרעלעך רייסן,
באַרעלעך ווילן ניט פאַלן,
באַרעלעך ווילן ניט פאַלן.



שיקט דער האַר אַ שטעקעלע אין וואַלד,
עס זאָל דאָס הינטעלע שמייסן,
עס זאָל דאָס הינטעלע שמייסן.

שטעקעלע וויל ניט הינטעלע שמייסן,
הינטעלע וויל ניט פּויערל בייסן,
פּויערל וויל ניט באַרעלעך רייסן,
באַרעלעך ווילן ניט פאַלן,
באַרעלעך ווילן ניט פאַלן.

שיקט דער האַר אַ פייערל אין וואַלד,
עס זאָל דאָס שטעקעלע ברענען,
עס זאָל דאָס שטעקעלע ברענען.

פייערל וויל ניט שטעקעלע ברענען,
שטעקעלע וויל ניט הינטעלע שמייסן,
הינטעלע וויל ניט פויערל בייסן,
פויערל וויל ניט באַרעלעך רייסן,
באַרעלעך ווילן ניט פאַלן,
באַרעלעך ווילן ניט פאַלן.

שיקט דער האַר אַ וואַסערל אין וואַלד,
עס זאָל דאָס פייערל לעשן,
עס זאָל דאָס פייערל לעשן.



וואַסערל וויל שוין פייערל לעשן,
פייערל וויל שוין שטעקעלע ברענען,
שטעקעלע וויל שוין הינטעלע שמייסן,
הינטעלע וויל שוין פויערל בייסן,
פויערל וויל שוין באַרעלעך רייסן,
באַרעלעך ווילן שוין פאַלן,
באַרעלעך ווילן שוין פאַלן.





אויפן קיסרס טויער

אויפן קיסרס טויער שטייען אַ פּאָר אָקסן,
און די אָקסן בראָקן לאָקשן, —
דאָס איז מיר אַ וואונדער.

איי-איי-איי, איי-איי-איי,
דאָס איז מיר אַ וואונדער,
איי-איי-איי, איי-איי-איי,
דאָס איז מיר אַ וואונדער.

אויפן קיסרס טויער שטייען אַ פּאָר ציגן,
און די ציגן קינדער וויגן, —
דאָס איז מיר אַ וואונדער.

איי-איי-איי, איי-איי-איי,
דאָס איז מיר אַ וואונדער,
איי-איי-איי, איי-איי-איי,
דאָס איז מיר אַ וואונדער.



ויפן קיסרס טויער שטייען אַ פּאָר פייגל,
ון די פייגל באַקן בייגל, —
דאָס איז מיר אַ וואונדער.

איי-איי-איי, איי-איי-איי,
דאָס איז מיר אַ וואונדער,
איי-איי-איי, איי-איי-איי,
דאָס איז מיר אַ וואונדער.

אויפן קיסרס טויער שטייען אַ פּאָר בערן,
און די בערן שטיבער קערן, —
דאָס איז מיר אַ וואונדער.

איי-איי-איי, איי-איי-איי,
דאָס איז מיר אַ וואונדער,
איי-איי-איי, איי-איי-איי,
דאָס איז מיר אַ וואונדער.

א פאסטעכל

האָט אַ פּאַסטעכל אַ טרוימער
ליב געהאַט צום הימל קוקן,
ליב געהאַט צום הימל קוקן,
האָבן זיך פון הינטערביימער
וועלף גענומען רוקן.

האָבן ציגעלעך געמעקעט
האָבן שעפעלעך געבעקעט
און דעם פּאַסטעך מיטן שטעקן
ניט געקאָנט דערוועקן.

ווען דאָס פּאַסטעכל, דער טרוימער
האָט צום הימל זיך פאַקוקט,
האָבן וועלף פון הינטער ביימער
טשערעדע פאַרצוקט.

האָבן ציגעלעך געמעקעט,
האָבן שעפעלעך געבעקעט,
און דעם פּאַסטעך מיטן שטעקן
ניט געקענט דערוועקן.

ווען דאָס פּאַסטעכל, דער טרוימער
האָט אַהיים זיך שוין געקליבן,
זיינען אונטער אַלע ביימער —
ביינדלעך בלויז געבליבן.

קיינער האָט שוין ניט געמעקעט,
קיינער האָט שוין ניט געבעקעט
אַזאַ פּאַסטעך מיט אַ שטעקן
מעג די ערד פאַרדעקן.

מוטער־טאָג

אַקדמות און נאָך איידער
עס קומט דעם קינדס געשטאַלט,
איז שוין דעם קינדס אַ שמייכל
אויף מאַמעס ליפּ צעשטראַלט.

ווען אַלע װעלדער פּענען,
און אַלע ימען טינט,
איז אַלץ ניט צו באַמאָלן
די וואונדער פון אַ קינד.

ווען אַלע הימלען פאַרמעט,
און שרייבער קינד און קייט,
איז אַלץ ניט צו באַשרייבן
אַ מאַמעס טיפע פרייד.

טאָ לאָמיר אַלע זינגען
דאָס שענסטע ליד אַצינד,
אַ ליד פון פרייד און וואונדער
פאַר מאַמע און פאַר קינד.



אינהאַלט

י. גויכבערג .... זייט געגריסט — 4
א. רייזען .... ערב פרילינג (מוזיק, וולאַדימיר חפץ) — 6
ה. רויזנבלאַט .... פרילינג — 7
י. י. סיגאַל .... פאַר די קינדער — 7
נחום יוד .... העלע פרימאָרגנס — 8
הענעך אַקערמאַן .... אַ גאַסט אין גרינעם — 9
ח. נ. ביאַליק .... אונטער די גרינינקע ביימעלעך — 10
פאָלק־ליד .... אונטער יאַנקעלעס וויגעלע (מוזיק, פאָלק) — 10
יאָסל קאָטלער ...... מיט אַ נאָז און אָן אַ נאָז — 11
י. ל. קוויטקאָ .... עטעלע — 11
נחום יוד .... איינס אָט שטייט ער — 12
לאה קאַפּילאָוויטש ... אַ גרויסער פאַרדינער — 12
נחום וויסמאַן ...... תמיד — 13
י. קאַמינסקי .... שטיפעריייען — 14
א. גאָלדפאַדן .... בלענדעניש (מוזיק, א. גאָלדפאַדן) — 14
פאָלק־שפּיל .... אַ זעקעלע מעל — 15
נחום יוד .... אונדזערע טעג (מוזיק, ירדני) — 15
י. גויכבערג .... די פּאַווע — 16
ש. צעסלער .... די קאַטשקע — 16
פאָלק־שפּיל .... ריגעלע רויגעז — 17
ב. סמאָליאַר .... מיין מיידעלע ראָזע — 18
פאָלק־ליד .... שלאָף, שלאָף, שלאָף — 18
פאָלק־ליד .... צום שלאָף — 19
פאָלק־ליד .... אַז די באָבע קאָכט לאָקשן (מוזיק, מ. געלבאַרט) — 19
י. ל. פּרץ .... שטייט אין פעלד אַ ביימעלע — 20
פאָלק־ליד .... אוי, אַ צרה — 20
ל. קאַפּילאָוויטש .... דאָס נייע קליידל — 21
יוסף קירמאַן .... קוצעניו מוצעניו — 22
ב. גוטיאַנסקי .... ברײנדעלע — 22
ל. קאַפּילאָוויטש .... אין דרויסן — 22
נחום יוד .... בלענדעניש — 23
ב. סיגאַל........... שלום — 23
יהואש .... די פראָש — 24
י. קאַמינסקי .... דער זייגער (מוזיק, מיכל געלבאַרט) — 26
פאָלק־ליד .... שפּילן מיר אין קעסטעלעך (מוזיק, פאָלק) — 27
י. קאַמינסקי .... ערשטע טריט — 28
ל. קאַפּילאָוויטש ..... דאָס קעצעלע — 29
נסתר .... קויפט קונים (מוזיק, ישראל גלאַטשטיין) — 30
מ. בראָדערזאָן .... ציפּעלע (מוזיק, ישראל גלאַטשטיין) — 31
י. גויכבערג .... אויף דער וויג־ברעט — 32
נחום יוד .... זומער — 32
פאָלק־ליד .... קומט דער ליבער זומער (מוזיק, פאָלק) — 33
ב. סמאָליאַר .... שוסטער — 34
פאָלק־ליד .... דאָס פריילעכע שניידערל (מוזיק, פאָלק) — 34
א. אויערבאַך .... דער אַלטער שניידער — 35
פאָלק־ליד .... דער שניידער (מוזיק, פאָלק) — 35

מאַני לייב ....פּאַר אַ רעגן — 36
ב. גוטיאַנסקי ....עסטע די פּעסטע — 37
ב. סמאָליאַר ....יאַנקעלע ברען — 38
פֿאָלק־ליד ....בולבע (מוזיק, פֿאָלק) — 38
ב. סיגאַל ....ברויט מיט פּוטער — 39
ב. סמאָליאַר ....אַ קינד אַזאַ — 39
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי ..אַ מעשהלע (מוזיק, מיכל געלבאַרט) — 40
פֿאָלק־ליד ....דו מיידעלע דו פיינס (מוזיק, פֿאָלק) — 42
נחום יוד ....עליע קאַפּעליע — 43
ב. סיגאַל ....מילך און ברויט — 44
י. קאַמינסקי ....אַ קוכן — 45
פֿאָלק־ליד ....שפּרינג אַראָפּ (מוזיק, פֿאָלק) — 46
מיכל געלבאַרט .....מוזיקאַנטן (מוזיק, מיכל געלבאַרט) — 47
יהואש ....דער זינגעמאַרינג — 48
מ. שיפּריס ....הוידע (מוזיק, מיכל געלבאַרט) — 49
מיכל געלבאַרט .....מיטן זעגעלע (מוזיק, מיכל געלבאַרט) — 50
ל. מאַגיסטעטער ....אַלע גלייך (מוזיק, לאַזאַר וויינער) — 51
ר. באַיאַרסקי ....די פּויק (מוזיק, ר. באַיאַרסקי) — 52
א. גאָלדפאַדען ......צו דיין געבוירנטאָג (מוזיק, א. גאָלדפאַדן) — 53
י. קאַמינסקי ....האַקן־באַקן — 54
פֿאָלק ....אַ רעטעניש — 54
פֿאָלק ....טאָקע ? — 54
י. גויכבערג ....דער פּאַפּוגיי — 55
נחום וויסמאַן ......עפּעלע — 55
ב. סמאָליאַר ....עטל — 55
א. שטיינבאַרג ......קלעזמער — 56
נחום וויסמאַן ......טעלער — 57
פֿאָלק־ליד ....אַמאָל איז געווען (מוזיק, פֿאָלק) — 58
י. גויכבערג ....איך וועל דיך פּאַר אַ כלה נעמען (מוזיק, פֿאָלק) — 60
י. גויכבערג ....די סאָווע — 61
י. גויכבערג ....אויף רעדלעך — 62
ש. צעסלער ....אַ פידלער (מוזיק, וואָלאָוויטש) — 64
י. קאַמינסקי ....שבתרו — 65
י. קאַמינסקי ....שבת — 66
פֿאָלק ....לכבוד שבת — 66
ש. בערנשטיין ....שלום עליכם — 67
פֿאָלק־ליד ....אַ שבת זמרל (מוזיק, פֿאָלק) — 67
ב. סיגאַל ....אַ גוט שבת — 68
א. שטיינבאַרג ....די גאַנצע משפּחה — 68
מ. וואַרשאַווסקי .....אויפן פּריפּעטשיק (מוזיק מ. וואַרשאַווסקי) — 69
מ. שיפּריס ....גייען מיר שפּאַצירן (מוזיק, בען יאָמען) — 70
יהואש ....משיח — 72
פֿאָלק־ליד ....שנירעלע־פּערעלע (מוזיק, פֿאָלק) — 74
א. בראַמבערג ....מתן תורה (מוזיק, מיכל געלבאַרט) — 75
מ. ריוועסמאַן ....שבועות — 76
ע. גרינבלאַט ....אַ סוכות־ליד — 77
י. גויכבערג ....שמחת תורה — 78

מאַני לייב .... דריי מלאכים — 79
פאָלק־ליד .... מיכלקע (מוזיק, פאָלק) — 82
י. י. סיגאַל .... אַ ייִנגעלע אַזאַ — 83
י. ל. פרץ .... אונדזער עטעלע — 83
י. גויכבערג .... קאַרוסעלן (מוזיק, בען יאַמען) — 84
י. ל. פרץ .... באַל־שפּיל — 86
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי . קיץ־קאַץ — 87

פאָלק .... אַ רעטעניש — 87
י. גויכבערג .... דריי ייִנגעלעך (מוזיק, מיכל געלבאַרט) — 88
י. האָראָוויץ .... זיך איבערגעבעטן — 90
פאָלק־ליד .... אין מיטן שטעטל (מוזיק, פאָלק) — 91
יהואש .... קומט אַ פויגל — 92
פאָלק־ליד .... אין אַ קליין שטיבעלע — 94
פאָלק־ליד .... ציגעלע־מיגעלע — 94
י. קאַמינסקי .... פיס — 95
פאָלק .... ציילן — 95
י. גויכבערג .... האַרבסט — 96
י. קאַרמאַן .... אין אַן אָרעם שטיבעלע (מוזיק, מ. געלבאַרט) — 97
י. ל. קוויטקאָ ...... אויפן גליטש — 98
פאָלק .... רעטעניש — 98
י. ל. קוויטקאָ ...... שניי טייבעלעך — 99
פאָלק .... רעטעניש — 99
מאַני לייב .... דער פעטער שנייער (מוזיק, בען־יאַמען) — 100
דניאל טשאַרני ...... דער ווינטער איז געקומען (מוזיק פאָלק) — 101
מאַני לייב .... שנייעלע (מוזיק מיכל געלבאַרט) — 102
פאָלק־ליד .... לייג איך מיר מיין קעפּעלע (מוזיק, פאָלק) — 103
מ. ריוועסמאַן .... חנוכה (מוזיק, פאָלק) — 104
י. גויכבערג .... אַ יידיש הויז — 105
י. גויכבערג .... די מגילה — 106
פאָלק־ליד .... אסתר — 107
פאָלק־ליד .... היינט איז פורים — 107
פאָלק־ליד .... שושנת יעקב (מוזיק, פאָלק) — 108
פאָלק־ליד .... באַלעבאָסטע לעבן — 108
דוד איינהאָרן .... איי־ליו־ליו — 109
מ. וואַרשאַווסקי ..... טייערע מלכה (מוזיק, מ. וואַרשאַווסקי) — 110
י. קאַמינסקי .... פסח — 110
י. גויכבערג .... אליהו הנביא (מוזיק, פאָלק) — 111
י. גויכבערג .... חד־גדיא (מוזיק, פיראָזשניקאָוו) — 112
א. אויערבאַך .... דריי ווייסע ציגעלעך — 115
נחום יוד .... הערט אַ מעשה, קינדערלעך (מוזיק, י. טשער ניאַווסקי) — 116
פאָלק־ליד .... שיקט דער האַר (מוזיק, פאָלק) — 118
פאָלק־ליד .... אויפן קיסרס טויער (מוזיק, פאָלק) — 120
ז. וויינפער .... אַ פאַסטעכל (מוזיק, פּ. יאַסינאָווסקי) — 122
י. גויכבערג .... מוטער־טאָג (מוזיק, פאָלק) — 124

מעלדונג

יידיש-ענגליש און ענגליש-יידיש ווערטערבוך

צונויפגעשטעלט פון דעם יונגן לינגוויסט

אוריאל ווײַנרײַך

דער לערער-קאַמיטעט פון דעם יוסף כראַמאָוו פאָנד איז מודיע אַז ער האָט אָנגעשטעלט דעם יונגן לינגוויסט, אוריאל ווײַנרײַך, צונויפצושטעלן אַ יידיש-ענגליש און ענגליש-יידיש ווערטערבוך פאַר שול און היים.

דאָס ווערטערבוך וועט פאַרמאָגן איבער צוועלף טויזנט יידישע ווערטער, ווערטלעך און פראַזן און פונקט אַזאַ צאָל ענגלישע ווערטער.

אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וואָס ווילן אינפאָרמאַציע וועגן ווערטערבוך זײַנען געבעטן זיך צו ווענדן שריפטלעך אויפן אַדרעס פון לערער-קאַמיטעט.

Jewish Teachers Committee
185 Madison Ave., Room 1003
New York 16, N. Y.